# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. דאס פארן פון שטאט באלטימור מערילאנד קיין ניו יארק האט גענומען אסאך לענגער ווי דאס קינד "אלי" האט זיך פארגעשטעלט. אלי איז געווען איינער פון די יחידים אין זיין כיתה אין תלמוד תורה אין באלטימור, צו זוכה זיין צו קענען קומען צום סיום הש"ס תשס"ה אין מאדיסון סקווער גארדען. אלי'ס טאטע אליינס האט נישט געלערנט קיין דף היומי ווייל ער האט געטענעט אז ער איז פשוט צו פארנומען מיט זיין ביזנעס. אלי'ס משפחה איז גראדע מער ליטוויש און זיין טאטע איז א בעל הבית. אפילו זיין טאטע האט נישט געלערנט דעם דף, האט ער געהאלטן אז עס איז וויכטיג פאר זיין זון צו זען דעם גרויסן מעמד פונעם סיום הש"ס. עס איז טאקע געווען אינטערעסאנט פאר אלי צו זען דעם סיום. ער האט געשפירט דעם "ברב עם הדרת מלך" ווען ער איז אריינגעגאנגען אין גרויסן זאל צו זען דעם ריזיגען עולם אידן פרייען זיך מיט די תורה.

אלי מיט זיין טאטע האבן גענומען זייערע פלעצער אין דעם גרויסן זאל. אלי האט אביסל ארומגעקוקט, ווארטענדיק אז דאס פראגראם זאל שוין אנהייבן. דאן האט ער גענומען ליינען דעם שיינען דף היומי אויסגאבע וואס מען האט געטיילט ביים סיום. אפאר מינוט שפעטער האט אלי'ס טאטע אים געפרעגט אויב ער איז אינטערעסירט געווען אראפצוגיין צום פלאר פונעם זאל צו בעטן ברכות פון די צדיקים וואס זענען צוזאמענגעקומען פארן סיום. אלי איז נישט אזוי אינטערעסירט געווען זיך צו מטריח זיין מיט אראפגיין. עס וועט נעמען 15 מינוט צו אראפגיין דעם וועג מיט אזא ריזיגן עולם. זיין טאטע האט אים שטארק געבעטן אז ער זאל מסכים זיין, ווייל, אזוי ווי ער האט מסביר געווען פאר זיין יונגען זון, עס איז געווען א זעלטענע געלעגענהייט צו באקומען ברכות פון אזעלכע חשוב'ע רבנים. אבער, אלי האט נאכאלץ נישט געוואלט גיין. ביז זיין טאטע האט אים פארגעשלאגען א גוטע זאך טאמער ער וועט מסכים זיין צו קומען נעמען די ברכות.

געווענטליך, ווען אלי'ס טאטע האט פארגעלייגט פאר אים א גוטע זאך, האט ער עס באגרעניצט, עס מיינט צו זאגן למשל אז אלי מעג נעמען עפעס ביז א געוויסע פרייז ביים שפילצייג געשעפט וכו'. אבער די מאל, האט אלי'ס טאטע געזאגט אז טאמער אלי קומט, וועט ער אים געבן וואס נאר ער האט געבעטן! יעדע זאך אין די וועלט... יעדע זאך אין די וועלט? האט אלי געטראכט צו זיך. מיט אזא גוטע פארשלאג, האט אלי געמוזט מסכים זיין!

זיי זענען גלייך אראפגעגאנגען דורך דעם ים פון אידן. זיי האבן באקומען ברכות פונעם נאוואמינסקער רבי שליט"א מיט אנדערע גדולים און רבנים און רבי'ס. אלי'ס טאטע האט אפילו געטראפן אלטע חברים פון ישיבה און זיי האבן געשמועסט אפאר מינוט. עס האט גענומען לענגער ווי אלי האט געוואלט, אבער, ער האט נאכאלץ געטראגן א שמייכל אויף זיין פנים, טראכטענדיג וועגן די גוטע זאך וואס ער וועט בעטן. סוף כל סוף, ווען דער זאל איז אנגעפילט געווארן, האבן זיי געדארפט צוריקגיין צו זייערע פלעצער בעפאר די סיום וועט אנהייבן.

אלי האט צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס צו די חשוב'ע רעדענערס וואס האבן מהנאה געווען דעם עולם מיט שיינע דברי תורה, מעשיות און דברי התעוררות. דאן, נאכדעם וואס ר' חיים סטיין שליט"א האט געמאכט דעם סיום, איז אלי נתפעל געווארן מיטצוטיילן אין די שיינע זינגען און טאנצען. אלי האט געטאנצט מיט זיין טאטען און אפילו מיט פרעמדע מענטשן אויך. עס איז געווען אן עכטע שמחת התורה. אלי איז געווען אויסגעמוטשעט מיד פון דעם לאנגען טאג. אבער, ער האט נאכאלץ געשמייכעלט דעם גאנצן צייט ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פונעם זאל. אלי האט געהאלטן ביים איינשלאפן אין דעם קאר אויפן וועג אהיים ווען ער האט באדאנקט זיין טאטען פארן ברענגען אים צום סיום.

אלי'ס טאטע האט זיך געפרייט צו הערן אז אלי האט טאקע הנאה געהאט ביים סיום. ער האט געטראכט וועלכע גוטע זאך אלי וועט בעטן פון אים. "טאטי, איך ווייס שוין וואס איך וויל. דו געדענקטס? דו האסט מיך צוגעזאגט!" אלי'ס טאטע האט געווארט צו הערן וואס זיין יונגעל האט געוואלט. ער אליינס איז געווען מיד נאך א לאנגע טאג פון פארן, צוזאמען מיט דעם התרגשות פון פרייען זיך ביים סיום הש"ס.

וויבאלד אז מיר גרייטן זיך יעצט מקבל צו זיין דער הייליגער תורה אין דעם הייליגען יום טוב שבועות איז לאמיר אביסל זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון לימוד התורה. ווען מען איז משיג דאס גרויסקייט פון לימוד התורה דעמאלט וועט מען אויסניצן יעדע רגע פאר לערנען תורה. די ספרים הקדושים ברענגען דאך אז יעדע אות פון לימוד התורה איז א מצוה. איינער וואס לערנט א שעה איז מקיים טויזענטע מצוות!

ווען מען זעט זיך לערנען דארף מען מסיח דעת זיין פון די וועלט. עס איז כדאי צו דערמאנען אן אינטערסאנטע רמז אין פסוק: "זאת התורה אדם כי ימות באהל וכו'" (במדבר יט,יד) ד"ה, ווען מען לערנט, און איינער קומט שטערען, דארף מען זיין אזוי ווי א טויטער ד"ה, מען ענטפערט גאר נישט צו יענעם וואס שטערט. די גרעסטע חסד איז זיך צו מאכן נישט וויסענדיג פון איינעם וואס קומט בעטן א קלייניגקייט מיטן לערנען. ווייל דורך דעם וואס מען ענטפערט נישט יענעם וואס שטערט, ראטעוועט מען אים פון מבטל זיין די גרעסטע מצוה אין די תורה. די נקודה איז נאך מער וויכטיג פאר בעלי בתים וואס פאר זיי, קען עס זיין יענע שעה צוויי וואס זיי לערנען אין בית מדרש דאס איינציגסטע צייט וואס זיי האבן צו לערנען אין דעם גאנצען טאג. אויב מען דארף אכטונג געבן נישט צו שטערן יענעם מיטן לערנן, קל וחומר מוז מען אליין אכטונג געבן נישט צו רעדן דברים בטלים מיטן לערנען. חז"ל זאגן א שארפע לשון אויף איינעם וואס איז מפסיק מיטן לערנען צו רעדן דברים בטלים, אז עס נעמט אוועק דעם געשמאק פון לערנען, ח"ו. (ע"ז ג:)

"טאטי, איך ווייס שוין וואס איך וויל." האט אלי געזאגט צו זיין טאטן. "טאטי, איך וויל אז דו זאלסט מיר צוזאגן אז ביים נעקסטען סיום, וועסטו אויך מסיים זיין!"

דורך מחשיב זיין לימוד התורה, בפרט דורך נישט שטערען יענעם'ס לערנען, וועלן מיר אלע זוכה זיין מיט דעם אייבערשטען'ס העלף צו די ברכה פון "תן חלקנו בתורתך" מיט אלע השפעות טובות. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר אברהם חיים טורעם הי"ו לרגל שמחת לידת בנו

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**